## כל מקדש שביעי כראוי לו, כל שומר שבת כדת מחללו

בס"ד

# אידן שומרי שבת!

**צו ווייסט איר די טעמים פארוואס רוב זקני גדולי הדור, רוב מנין ורוב בנין רבנים, העכער 150 רבנים דיינים, אדמורי"ם, וראשי הישיבות שליט"א האבן געאסרט צו טראגן שבת אין בארא פארק אפילו מיט אן עירוב? דאס איז צוליב די פאלגענדע 8 טעמים:**

1) העכער 50 יאר איז געווען דא איינגעפירט דער מנהג העיר נישט צו מאכן קיין עירובין אין נ.י., אין נישט צו טראגן מיט קיין עירוב. די תקנה האבן געמאכט די פריערדיגע גדולי הדור נ"ע וועלכע זענען געקומען קיין אמעריקע ביי די צווייטע וועלט קריג, און זיי האבן דא אויפגעשטעלט דאס ידישקייט. רובא דרובא פון היינטיגן ציבור זענען תלמידיהם ותלמידי תלמידיהם. זיי האבן זיך נגד געווען צו עירובין און די גרויסע שטאט ניו יארק, טייל מחשש הלכה, און טייל מחשש מכשולות.

דא האט איר א טיילווייזע רשימה מגדולי הדור שלפנינו מיסדי הישוב החרדי בניו יארק. אשר מפיהם אנו חיים: הגה"ק מהריי"ץ מליובאוויטש ז"ל (אגרות קודש ג' תרס"א), הגה"ק מסאטמאר ז"ל (המאור תשט"ו, המאור תשכ"ב, ועדות בכתב מרוב גדולי הרבנים), הגאון ר' אהרן קאטלער ז"ל, הגאון ר' משה פיינשטיין ז"ל, הגאון ר"י קאמינעצקי ז"ל הגאון ר"ג שור ז"ל, הגאון ר' חיים ביק ז"ל, (קו"ק אגוה"ר תשכ"ב שכל המוציא בעירוב ה"ז כמחלל שבת) וכן פירסמו עוד הפעם אגוה"ר בשנת תשכ"ד, הגאון ר' שמעון שוואב ז"ל, הגאון ר' יוסף ברייער ז"ל, רבני קהל עדת ישורון (מכתב גלוי המאור תש"כ והפרדס תשכ"ב).

בשנת תשל"ד בענין עירוב בבעל הארבאר איז נתפרסם געווארן א איסור חמור מגדולי רבני התאחדות הרבנים, כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, הגה"צ מוואידיסלאוו זצ"ל, הגר"מ ביק זצ"ל, הגה"צ מנירבאטור זצ"ל, שרייבן אז מ'זאל נישט טראגן דורכן עירוב צוליב חששות חמורות מחילול ש"ק, און אזוי האט דאן אויך געפסק'נט הגה"ק מסאטמאר זצ"ל (כעדות בכתב מהרה"ג מוואלאווע שליט"א).

בשנת תשל"ט בענין העירוב בפלעטבוש האבן אונטערגעשריבן העכער 60 רבנים אדמו"רים וראשי ישיבות, צווישן זיי איז אויך גע'חתמ'ט הגר"מ פיינשטיין זצ"ל, כ"ק אדמו"ר מפאפא זצ"ל, הגה"צ משארמאש זצ"ל, הגה"צ אבדק"ק ווינעז זצ"ל, און להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א. פון אלע קרייזען חסידים אשכנזים וספרדים אז מ'טאר נישט מאכן קיין עירוב און קיין שום געגענט פון ברוקלין, און אפילו אויב מ'וועט יא מאכן א עירוב טאר מען נישט טראגן, נישט גדולים און נישט קטנים.

אויך בשנת תשמ"א בענין העירוב בבארא פארק האבן די גדולי הרבנים פון ב"פ געשריבן אז מ'זאל זיך נישט פארלאזן אויפן עירוב (אפילו עס איז שוין געמאכט געווארן) און קיינער זאל זיך נישט וואגן צו טראגן אויף די גאס. אויף דעם האבן געחתמ'ט הרבנים הגה"צ סאטמאר, באבוב, בלאזוב, וואוידיסלאוו, מעזיביזש, דעברעצין, טארטיקוב, נירבאטור, פריימאן, דומ"ץ סאטמאר, רב דשומרי שבת, קראסנא, מאטערסדארף. אויך די התאחדות הרבנים האט דאן פארעפנטליכט בריוו פון 4 גדולי הרבנים, דעברעצין, פריימאן, גרויסווארדיין, נירבאטור ז"ל וואס אלע שרייבן בשם הגה"ק מסאטמאר ז"ל אז ער האט זיך מתנגד געווען צו אן

עירוב אפילו אויף א חלק פון ברוקלין. אויך די אגודת הרבנים בחתימת הנשיא הגר"מ פיינשטיין ז"ל האבן מפרסם געווען אן איסור אז ווער עס טראגט דורכן עירוב איז א מחלל שבת בפרהסיא.

אויב אזוי פיל צענדליגער רבנים אשר מפיהם אנו חיים, האבן זיך מתנגד געווען צום עירוב אין ניו יארק, און געפסק'נט אז מ'טאר נישט טראגן, און אזוי איז געווען דער מנהג 50 יאר אין ברוקלין אין מאנהעטן, האט דאס א דין ווי א מנהג העיר, וואס איז נתקן געווארן דורך די חכמי העיר לגדר ולסייג וואס האט א דין פון א נדר, (כמבואר בשו"ע יו"ד סי' רי"ד) און די תקנה איז חל אויך אויף זייערע קינדער און אויף אלע וואס קומען וואוינען אין די שטאט, ואפילו דברים המותרים ואחרים נהגו בהן איסור אי אתה רשאי להתירם בפניהם, (כמבואר בשו"ע שם יו"ד סי' רי"ד) ואין בי"ד יכול לבטל דברי בי"ד חבירו אא"כ גדול ממנו בחכמה ובמנין.

* * *

2) אויסער דעם איז עס פון אונז א חוצפה און פריצת גדר, מבטל צו זיין א תקנה פון די פריערדיגע רבנים וואס קטנם עבה ממתנינו, און מיר זענען אלע זייערע תלמידים ותלמידי תלמידיהם, אונזער גאנצע אידישקייט אין אמעריקא איז זיי צו פארדאנקן, זיי האבן בעסער פארשטאנען ווי אונז, זיי זענען געווען חכמים הרואים את הנולד. ע"כ טארן מיר נישט בועט זיין אין זייער דעת אפי' ווען מיר זענען נישט יורד לסוף דעתם, ווייל אויב הייבט מען אהן פורץ גדר צו זיין און זייערע גדרים וסייגים וועט דאס חלילה צוברעננגען אונטערצוברעכן אלע גדרי התורה וואס זיי האבן אונז געלערנט. און עס וועט ברענגן אויך צו חילול שבת בפרהסיא. אזוי ווי דער חתם סופר שרייבט (חאו"ח סי' קנ"ד) בענין גילוח הזקן בחוה"מ אז אויב איז איינער אפילו דער גרעסטער גדול מתיר אן ענין וואס מ'האט זיך געפירט ביז היינט לאיסור, וועט דאס צוברענגען צו היתרים אין איסורי דאורייתא, ווי די פריצי הדור טענה'ן שוין, אויב ביז היינט איז מען נזהר געווען בענין גילוח בחוה"מ און אויב איז אויף דעם דא א היתר, קען מען זיכער אויך טרעפן א היתר אויף חילול שבת בפרהסיא. אין די שולד ליגט אויף די מתירים עיי"ש, און די זעלבע טענה הערט מען שוין היינט פון מערערע קלי הדעת אז אויב איז מען מתיר אן עירוב וואס 50 יאר האבן די רבנים נישט געלאזט קען מען זיכער פונקט אזוי טרעפן היתרים אויך אויף אנדערע הארבע איסורי תורה ר"ל.

* * *

3) לויט פיל גדולי הפוסקים איז טראגן אין ברוקלין אפי' מיט א עירוב א חילול שבת דאורייתא, ווייל ברוקלין האט מיליאנען איינוואוינער, און איז לויט זיי א רה"ר דאורייתא. וואס עפ"י הלכה העלפט דארט נישט קיין צירת הפתח נאר דלתות כמבואר בסי' שס"ד. גדולים האבן אזוי געשריבן אפי' אויף מאנהעטן וואס איז ארומגענומען מיט 4 מחיצות, און כל שכן אין ברוקלין ווי ס'איז דא אסאך פקפוקים צו עס איז בכלל דא מחיצות. ואתי רבים ומבטלים מחיצתא, אין אפי' ווי ס'איז נישט דא ששים רבוא זענען אסאך ראשונים מחמיר, און דער שו"ע הרב, והצמח צדק, והבית מאיר, וחיי אדם, ומשנה ברורה, והקיצור שו"ע, שרייבן אז א ירא שמים זאל נישט טראגן מיט א עירוב. און כ"ש ווי עס איז דא א חשש פון חילול שבת דאורייתא.

* * *

4) לויט פיל פוסקים זענען די טויזנטער מתנגדי העירוב וואס לויט זיי איז עס א חילול שבת, נישט זוכה בפת און זענען נישט מבטל זייער רשות, ממילא איז עס פאר יעדן א חילול שבת בהוצאה ווייל עס איז נישט דא קיין עירובי חצירות (כמבואר בסי' שס"ז ובפמ"ג סק"ג, ועי' בשו"ת דברי יציב חאו"ח דף שנ"ב, ובקובץ כרם ביבנה סי' ל"ב).

* * *

5) למעשה האט זיך שוין ארויסגעשטעלט אז אלע חששות פון חילול שבת אויף וואס פריערדיגע גאונים וצדיקים האבען חושש געווען זענען שוין איצט פארווירקליכט געווארן, בעוה"ר.

הגה"ק מהרש"ב מליובאוויטש זצ"ל איז חושש (אגרות קודש ח"ב ר"ז) אז די עירובין זענען גורם אז מ'וועט טראגן אויך שירעמס אין שבת. און בדרך כלל ווערט דורכדעם פארגעסן איסור הוצאה מרשות לרשות בש"ק. ליידער האט מען שוין געזען אין בארא פארק שבתים ווען עס האט גערעגנט ווי פרומע פרויען גייען מיט שירעמס און שב"ק.

מען זעהט ליידער אויך דעם חשש אז אן עירוב אינמיטן א גרויסע שטאט איז מכשיל מענטשען ארויסצוטראגן פון עירוב אין די ווייטערדיגע גאסן און דאס זעהן מיר ליידער מדי שבת בשבתו אין בארא פארק.

אויך זעהט מען ליידער מדי שבת בשבתו אידן וואס קויפן צייטונגען אין שבת ביי די ניוס סטענדס א. ד. ג. און טראגן עס אהיים בעצם יום ש"ק, מיטן חשבון צובאצאלן נאך שבת, מען האט שוין אויך געזען אידן שפילן באלל אין די גאסן ש"ק דורכן עירוב, מען האט שוין אויך געזען אידן טראגן אויך אין גאסן נעבן בארא פארק ווי עס איז בכלל נישטא קיין עירוב מיינענדיג אז דארט איז אויך דא אן עירוב.

עס האט זיך שוין אויך געמאכט מערערע מאל ערנסטע פסולים אויפן עירוב אין בארא פארק. אבער די וואס זענען געוואוינט צו טראגן האבן ווייטער געטראגען מיט אלע סארט תירוצים זיי פארלאזן זיך אויף די שוואכסטע קולות און היתרים, ומקלם יגיד לו, כל המקיל ובא מגיד לו.

דער עירוב האט צוגעברענגט פיל מער חילול שבת ווי שמירת שבת ומי יודע וויפיל חילול שבת דאס וועט נאך צוברענגען במשך השנים ווען די השגחה וועט ווערן איגאנצן נאכגעלאזט און די פסולים וועלן נישט קאנטראלירט ווערן, אזוי ווי ס'איז נישט דא קיין בי"ד קבוע אויף די שטאט, וואס אלע עניני העיר ליגט אויף זייער אחריות, און עס איז נישטא קיין אפציעלע קהלה וואס זאל שטענדיג זארגן צו דעקן די הוצאות פון עירוב, אפילו עס איז איצט דא א השגחה און געלט, קען קיינער נישט גארענטירן אויף שפעטער אין אזא שטאט, און דער עולם וואס וועט זיין צוגעוואוינט צו טראגן וועט ווייטער טראגן באיסור. וואס די אלע חששות האבן די פריערדיגע גדולים מיט זייער ווייטן בליק פאראויסגעזען.

* * *

6) אויב וועט דאס טראגן נפרץ ווערן, וועט דאס פארפלייצן די שטאט יעדן שב"ק בתערובות אנשים ונשים, און נאך פילע פירצות בחומת הצניעות, ספעציעל אין די זומער חדשים. וואס מען קען נישט אויסשרייבן אויפ'ן פאפיר.

* * *

7) דער ירושלמי שרייבט אז די תקנת העירוב איז צוליב דרכי שלום, עס זאל הערשן שלו' ואהבה צווישן אידן, דערפאר שרייבט הגה"צ ר' יונתן שטייף זצ"ל (שו"ת מהר"י שטייף סי' ס"ה) אז אויב זענען נישט אלע רבנים מסכים צום עירוב קען מען נישט מאכן קיין עירוב ווייל דאס וועט ברענגען צו מחלוקת וואס איז היפך מדרכי שלום (ער האט אזוי געטוהן למעשה, כאטש ער האט מתחלה געהאלטן מאכן אן עירוב אין ניו יארק). אזוי שרייבט אויך הגה"צ ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל (תורת חמד דף ק"א) אז וויבאלד עס איז תלוי באשלי רברבי האט ער זיך צוריקגעצויגן פון תיקון העירוב.

אבער היינט ליידער האבן די בעלי בתים עסקני העירוב מתקן געווען דעם עירוב לשם אהבת הנצחון, און זיי האבן אנגעמאכט א מחלוקת שלא לשם שמים, מבזה געווען רבנים ת"ח יראי ה' מיט צענדליגע פאשקווילן ומעשי אלימות און זיי האבן אפי' אפגעדריקט א צייטונג אונטערן נאמען מלחמת הדת, א ליקוט פון פאשקווילן, און אויך א קונטרס "מאז ומקדם" ווי זיי זענען מבזה אויך גדולי ישראל שוכני עפר אשר בארץ החיים המה, זיי זענען מספר אחר מטתן של ת"ח וועלכע האבן זיך מתנגד געווען צום עירוב, זיי זענען מוציא לעז כאילו די מחמירים זענען נישט מודה בעירוב זיי האבן אריינגעברענגט א שנאה בין איש לרעהו, בין משפחה למשפחה, בין

קהלה לקהלה, זיי האבן צוטיילט בארא פארק, אז טייל אידן קוקן אויף אנדערע ווי אינם מודים בעירוב, און די אנדערע קוקן אויף זיי ווי מחללי שבת בפרהסיא.

א עירוב וואס האט געברענגט אזויפיל עבירות ווי מחלוקת, שנאת חנם, בזיון ת"ח החיים והמתים, הלבנת פנים, לשה"ר ורכילות, אזא עירוב איז נגד תקנת חכמים, עס מאכט נישט קיין רשות היחיד וואס פארטרייבט די חיצונים, נאר פארקערט עס האט געשאפן א רשות הרבים עלמא דפרודא, א געגנט פון פירוד לבבות צווישן אחינו בני ישראל, דאס איז זיכער אקעגן רצון חכמים, און ווער עס איז מחזק דעם עירוב און באניצט זיך דערמיט איז מחזק די אלע מחלוקת ובזיון גדולי הדור.

* * *

8) מען איז עובר אויפ'ן לאו פון לא תתגודדו, וואס חז"ל דרשנען אז מען טאר נישט מאכן און א שטאט אגודות אגודות, וואס טייל פירן זיך אזוי און אנדערע אנדערש, און דא האט מען צוטיילט א שטאט און אנגעמאכט א מחלוקת שלא לצורך, ושלא לשם לשמים. וואס דאס ברענגט אזויפיל צרות רח"ל.

יעדער איד ביי וועמען עס איז חשוב דער כבוד שמים וכבוד התורה וכבוד השבת, און דער כבוד פון די חכמים וצדיקים, מוז זיך אנשליסען צו זיין פון די מקדשי שביעי כראוי לו, וועלכע טראגן נישט אום שבת דורך דעם עירוב, וואס האט שוין געברענגט אזויפיל חלול שבת וחלול כבוד התורה, און שנאה און פרוד לבבות צווישען אידן. יעדער זאל משפיע זיין אויך אויף זיין ווייב און קינדער און באקאנטע צו זיין צווישען די שומרי שבת כהלכתה, והשי"ת יפרוס סוכת שלומו עלינו ועל כל ישראל, ובזכות שמירת שבת נזכה לגאולה קרובה בב"א.

## דברים נלהבים מרבינו יונה תחלת מס' ברכות עד היכן צריכים ליזהר מספק חילול שבת עד כדי כך שעונש הספק יותר מהודאי.

ס'איז מערקווירדיג די ווערטער פון הייליגן רבינו יונה אנפאנג מס' ברכות, ווי ער רעדט דארט ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן מען זאל חלילה נישט נכשל ווערן אין א ספק חילול שבת, ווייל דער עונש אויף א ספק עבירה איז ערגער ווי אויף א וודאי עבירה, אזוי ווי מען זעהט אויך אז א קרבן חטאת וואס קומט אויף א וודאי עבירה איז ביליגער ווי קרבן אשם וואס קומט מכפר זיין אויף א ספק עבירה.

אין דער טעם דערפון זאגט דער רבינו יונה ז"ל ק והטעם בזה למה החמירו על הספק יותר מן הודאי אומר מורי הרב שהוא מפני שכל הודאי משום האדם החטא אל לבו ודואג ומתחרט עליו וחוזר בתשובה שלמה אבל על הספק עושה סברות ואומר אותה חתיכה שאכלת אולי היתה מותרת ולא ישית אל לבו לשוב ולזה החמירו בו יותר, דאס הייסט אז אויף א ספק רעדט מען זיך איין אין מען פארענטפערט זיך אז אפשר איז עס מותר לויט דע שיטה אדער לויט יענע שיטה וכו' וכו' וועגן דעם איז עס נאך ערגער ווי א ודאי עבירה וואס ער ווייסטאז ער דארף דערויף תשובה טוהן די הייליגע ווערטער רעדן פון זיך אליין מען דארף נישט קיין שום אויפקלערונג בנוגע לענייני וואס איז א ספק ודאי חילול שבת רח"ל.